בעזהשי"ת

# כרחם אב על בנים

## הארצרייסנדע ווערטער צו עלטערן וועגן אונזערע קינדער געזאגט ברבים
## דורך הגה"צ ר' מתתיהו סאלאמאן שליט"א
## משגיח רוחני דישיבה גבוה דלעיקוואוד

... איך וויל דא זאגן אפאר ווערטער פון ערפארונג, וואס ליגן מיר אויפן הארץ, ווערטער וואס פארשאפן מיר זייער אסאך צער, מענטשן כאפן זיך נישט ביז ס'איז ליידער צו שפעט, מיר רעדן דא פון בחורים לומדי תורה וועלכע ווערן דאך אזוי שרעקליך נכשל, ס'איז אזוי גרינג צוצוקומען צו ... - און מיר ווען דא רעדן זייער אפן - צו א קאמפיוטער, מענטשן נעמען אריין א קאמפיוטער אין שטוב צוליב פארשידענע סיבות. אבער די סכנה צו וואס זיי שטעלן אוים זייערע קינדער איז געפערליך, ס'איז אזא צער ווען מ'זעט ווי א בחור פלאגט זיך צו האבן א שייכות מיט רוחניות און ס'גייט אים נעבעך נישט, און צום סוף גיט ער נעבעך איינגאנצן אויף, און איר פרעגט אים נאר איין שאלה וואס פארענטפערט אלעס, און אלץ איז צוליב אט די כלי, און ווען מען דארף מען דען היינטיגע צייטן דערציילן ווי נידעריג די טומאה איז? ווען זיינע עלטערן זאלן וויסן אז מיט'ן אריינברענגען דעם קאמפיוטער אין שטוב אריין - איך וועל נוצן א שאו'פן אויסדרוק - "רצח'ענען" זיי די אייגענע קינדער. ס'איז א כלי משחית! א וואפן! דאס ווארט "רציחה" רופט דאך ארוים אזא שרעק, איז דען רציחה ברוחניות לייכטער? איז עם דען ווייניגער שרעקליך? צי איז עם דען א קלענערע עבירה? גדול המחטיאו יותר מן ההורגו! ומה יעשה הבן שלא יחטא, ווען די עלטערן זענען נישט אינדערהיים. ס'איז דאך אזוי גרינג צוצולייגן א האנט אויף די ערגסטע סי.די.'ס.

מיר רעדן כסדר אריין אין די קינדער נישט צו ווערן נשפע פון שעדליכע השפעות, און מען קען טאן סיי וואס צו מחנך זיין אונזערע קינדער אין דעם גייסט, און נאכדעם גייט איר און שטעלט אריין א שטיק טומאה אין הויז, און מיט איין מינוט איז... רחמנא ליצלן, רבותי דאס אז איר אליין האט נישט אריינגעברענגט די פארדארבענע סי.די. אין שטוב, איז בכלל נישט קיין תירוץ, ווייל איר האט אויפגעמאכט די טיר, און א צווייטער האט עס אריין געברענגט.

איך בין נישט קיין פוסק, און איך פסק'ן נישט קיין שאלות, עס איז שוין ארויסגעקומען א קול קורא פון די גדולים דא אין אמעריקא, איך קען אייך נאר געבן אן עצה טובה, ...ווילט איר אז אייערע קינדער זאלן אויפוואקסן ברוח התורה? דאן מורי ורבותי ברענגט נישט די כלי אין שטוב אריין!

און מיט דעם וועל איך מסיים זיין, ווייל דאס זענען באמת ווערטער - אזוי ווי איך האב פריער געזאגט - פון טיפן הארצן. מורי ורבותי ! אונזערע אויגן דארפן בלייבן ריין, און אויב מיר וועלן ארויסנעמען דעם לימוד היינט נאכט, און עס וועט ווערן די נחלה פון יעדן מענטש, נישט אריינצולאזן דעם קאמפיוטער אין שטוב אריין. און צו מאכן א חשבון הנפש וואס ער אליין זעט. און וואס ער לאזט זיינע קינדער זען, דאן וועלן מיר זוכה זיין צו זיין פון די וואס וועלן מיט אונזערע אייגענע אויגן זען משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.